א יונגע טויב [...], ווילנע.

ביקומערין/בקומרן/בקוימרין(זיך) - פפ: ביקימרן.

1676 " דז בדוירפן זיא [די פרויען] זיך ניט
קוימרין, מיר גיפינדן פיל מעשים אין אונזרר גמרא
דש לויט [לייט] האבן וויניג מצות [מצוות] גיטון
אונ׳ זיין קומן אינש איביג לעבן". ברנט שפיגל,
פפד"מ, פרק י׳.

1679 " אונ׳ דא עז מארגין ווארט, וואר זייך
גימואד [געמיטא] ביקימרט [...] און ליס רופין
אלי וואר זאגיר". י. בליץ, בראשית, מא - ח.

1744 " וואש זאל זיך בקומרן דער מענש ער איז דאך
נאר צו פר גלייכין צו איינש פון דיא קלייני מוקין".
בע, טו.

|| [באקומערניש] ביקימרניש/ביקומרנש/ביקימרניש.

1668 " איך וויש וואל דש איין שמערצן איין גרושר
אונ׳ איין ביקימרנוס איין גרושי איז אין אייערן
הערצן". יוסיפון, אמשטרדם, דף רט״ז.

1693 " [...] זיא אלי בייד(ע) פר גרושים [גרויסן] לייט [לייד] אונ' ביקומרנש שטערבן". אווע, ז' 471.

1724 " [...] און [דער כהן] האט מוזן אויז דעם בית המקדש מיט גרוישן לייד און ביקימרניש נאך זיינם הויז גיין". בית ישראל ובית הבחירה, אמשטרדם.

באַקון – דער, באַ. מין מאכאַרקע פון ניט־צעשניטענע טאַבאַק־בלעטער, פון זיי פלעגט מען בעת אַ מאַנגל אין גוטן טאַבאַק, וויקלען פאַפּיראָסן. דער באַקון־ציגאַר איז געווען נאָך שטאַרקער פון מאַכאַרקע, ער האָט זיך אַזש פאַרהוסט.

באַקונדן – טרוו. (דטשמ) דערווייזן, אויפווייזן.

1910 " איר זענט אנהענגער פון העברעיש, תבא עליכם ברכה! איר מוזט נאר פריער די אנהענגערשאפט אייערע באקונדן מיט פאקטן, נישט דורך פראזן!". גרשם באדערס יודישער פאלקס קאלענדאר לשנת תר"ע, לעמבערג.

באַקוניזם – דער, באַ. טעאָריע פון קאָלעקטי־וויסטישן אַנאַרכיזם, געפּרעדיקט דורך מיכאַיל באַקונין (1814–1876), פירער פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

1933 " פלעכאַנאָוו האָט [...] צוגעגעבן, אַז קאַמשאַווס אַנשווּונגען – דאָס איז פאַרמאַסקירטער באַקוניזם". ה. ווערבער, אויפן ווייסנשאַפטלעכן פראָנט, ז' 3 – 4.

ב א ק ו נ י ס ט – דער, =ן. אנהענגער פון באקונינס אנארכיסטישע טעאריעס.

ב א ק ו ק ן – טרוו. 1. קוקן אויף עפעס גוט, זען פון אלע זייטן. % די פרוי באקוקט די נייע קליידער פון אויסשטעל-פענצטער. די קינדער באקוקן דעם גאסט פון אמעריקע.

1938 " האבן זיך ביים שוועל די ניינציק יאר צערוקט, // און איך שרעק, פראסט זיינער איז ער אויפגעטראטן; // האט די וועכטערין, די שטילקייט מיך באקוקט // און זיך פיבעריק געשושקעט מיט זיין שאטן". אל!, נ"י, ז' 43.

1925 " נאר ווו זאל ער לויפן, אז אלע ארום // באקוקן, באטראכטן אים [דעם יעגער] נייגיריק שטום". האל, ערדישע וועגן, מאסקווע, ז' 185.

1923 " אצינד נאך האלבן טאג, גייען זיי מיטן שווער ארויס איבער גאסט וועלט, באקוקן דאס אלץ, וואס זיי פארמאגן". יואל מאסטבוים, פאניטשעק, אנט, ז' 357.

2. אבסערווירן עפעס גוט, אויספארשן, נאכקאנטראלירן, כדי אויסצוגעפינען עפעס. % דער דאקטאר באקוקט די ווונד; דער סוחר וויל באקוקן די אנגעקומענע סחורה, צי איז נישטא קיין בראק.

1894 " עס איז פאראן אזעלכע מענטשן געלערנטע, זיי רופן זיך אן אסטראנאמיקער וועלכע עס באשעפטיקן זיך נאר דערמיט צו באקוקן און באטראכטן די זון, די לבנה און די שטערן – אויף פראסט יידיש רופט מ מען זיי שטערנזעער". י"ז בן-אריה, א וועלט מיט וועלטעלער, ווילנע.

1901 " און עס ווערט א גערודער [אין שטוב] ווי אין א קאזארמע, ווען מען דערגייט [...] אז דער דיוויזיאנער דאקטאר ~~ווע~~ גייען באקוקן די קאזארמעס." ~~אר, ...~~ 63 ..., II, 1930, ז' 44.

~~1926 " ער האט אומרויק באקוקט די איבעריקע, וואס האבן |...| שארף |...| ארייננעקוקט אין דער טונקלעניש". מק, מאנטיק, אנט, ז' 607.~~

1935 " אזוי ווי דער פאסטוך באקוקט זיין סטאדע, טוט ער דורכטרייבן זיינע שאף אונטער זיין רוט". מחזור עם בית ישראל, יום כפור II, ווילנע, ז' 225.

ב א ק ו ק ן  ז י ך - קזוו. קוקן איינער אויפן אנדערן מיט נייגיריקייט, פון אלע זייטן.

% חתן-כלה האבן זיך שוין באקוקט און זיינען זיך געפעלן. ביידע באקסערן באקוקן זיך אומרויק, איידער זיי הייבן אן דעם פארמעסט.

1921 " נאר לויפנדיק איינמאל, האב איך זי באגעגנט; מיר האבן זיך ביידע באקוקט און באטראכט". סעג, אין קאזמעס, ווארשע, ז' 10.

| ? | " די גוססע באקוקן זיך, [...] פון אויג און הארץ פארשוווגדן // איז יענע שאנד וועלכע ס'האט // דאס לעבן אנגעצונדן". יהואש, דער לעצטער שלום.

|| =ונג - די, =ען. אקט אדער רעזולטאט פון באקוקן.

1885 " טרערן האבן ווי פון א קוואל זיך געגאסן פון זיינע אויגן ביים באקוקונג דאס גאלד". איבז, י. ראווינסקי, דער פאלשער שולדבריעף, ווארשע, ז' 24.

עניש – דאס, =ן. (איר) דאס באקוקן.

1935 " איז אנגעשטאנען א רגע פון באקוקעניש, שפּאט געפילן ". הירשביין, רויטע פעלדער I, נ"י, ז' 85.

באקזשוק – דער, =עס. [סטוטש 246 –247].

אנדערש גערופן: באלצבאן, האלצזשוק.

רעד: ניט זיכער מיטן טייטש.

באקטענען זיך | באקאטענען, — אוטור (אייפעם)

באטישן זיך, לאזן אונטער זיך די השתנה.

1881 " ווען איר הערן ווייטער, וואס א שייגעץ, א דראב טוט אפ א שפיצל: נעמט ער דעם מחותן=לעב אויף א זייט און זאגט אים א סוד, בכן די כלה=לעבן באקטענט זיך (מלשון קטנים) מחילה". דלוגאטש, וועלט=מסורה, ווארשע, ז' 53.

41/1

באַקטעריאָלאָג - דער, =ן. וויסנשאַפטלער, וואס פאַרשט באַקטעריעס.

" פראָפעסאָר קאַלמעט, אַלס גרויסער באַקטעריאָלאָג און איינער פון די בעסטע זאַכקענער פון טובערקו-לאָז אין פראַנקרייך [...]". מ. לענסקי, מאָדערנער פאַמיליען-דאָקטאָר, וואַרשע, ז' 131. 1927

באַקטעריאָלאָגיע - די, באַ. וויסנשאַפט וואס פאַרשט דאָס לעבן פון באַקטעריעס.

1923 " אַדאַנק אַ גרויסע(ר) צאָל געלערנטע [...], דער עיקר אַדאַנק פֿאָסטערן אין פראַנקרייך, קאָך אין דייטשלאַנד א"א, איז אויפגעבויט געוואָרן דער היינטיקער לימוד פון באַקטעריאָלאָגיע". פגעז, נ' 1, ווילנע.

(?נ?) באַקטעריאָליז(יס) - דער, באַ. דאָס אויפלייזן (צעלאָזן), צעשטערן באַקטעריעס אין אַן אימוניזירטן אָרגאַניזם דורך באַזונדערע שטאָפן אין בלוטסערומס.

באַ -

(?נ?) באַקטעריאָסטאַזיס - דער, באַ. ווירקונג קעגן דער טעטיקייט פון באַקטעריעס. פעניצילין איז גורם דעם באַקטעריאָסטאַזיס פון אַ סך מיקראָבן און באַקטעריעס, זיי ווערן נישט צעשטערט, אָבער עס ווערט געהאַמעוועט זייער ווירקונג.

באַקטעריאָפאַג - דער, =ן. אַגענט (גורם) פון צעשטערן באַקטעריעס, מיקראָבן.

1950 " דער קערפער באַזיצט אויך ספּעציעלע צעלן, וועלכע האָבן די אייגנשאַפט צו פאַרניכטן מיקראָבן [...], די אַזוי גערופֿענע לעקאָציטן. אויך געפינען זיך אין די געוועבן אַזוי גערופֿענע באַקטעריאָפאַגן ". פגעז, נ' 4 - 5, פּאַריז.

42

באַ -

באַקטעריזירן - טרוו. גורם זיין די ווירקונג

פון באַקטעריעס, ווו ס'איז נייטיק: באַקטעריזירן

דעם באָדן; באַקטעריזירן מילך אַע.

.42 - באַק

באַקטעריע - די, =ס, =ן. איינקעמערלדיקער

אָרגאַניזם, מיקראָב, קאָן ווערן געזען בלויז דורך

אַ מיקראָסקאָפּ, זייער פאַרשפּרייט אין דער נאַטור;

באַקטעריעס רופן אַרויס די פּראָצעסן פון יוירונג,

פערמענטאַציע אַע, צו דעם צוועק ווערן זיי אויסגע-

ניצט אין געוויסע אינדוסטריעס (בירֿ אַע),

לאַנדווירטשאַפט; געוויסע באַקטעריעס רופן אַרויס

קראַנקהייטן (טיפוס, טובערקולאָז, פּעסט א"א).

1899 " דיזע באַקטעריען [...], ווו זיי באַגעגענען

אַן אייוויַיס=האַלטיקן קערפּער, צום ביישפּיל, קעז,

פלייש וכדומה, דאָרט נעסטן זיי זיך איין און

מערן זיך שרעקלעך געשווינד". י. צינבערג,

וואָס טוט זיך אויף דער וועלט, קראָקע,

[ז' 121?].

1920 " באַקטעריען - פּיטשינקע = מאַנינקע, געוויינטלעך

איינקעמערלדיקע געוויקסן, באַקטעריעס - ס'רוב

אָן כלאָראָפיל. זיי פּרוכפּערן זיך דורך אַ פּשוטער

צעטיילונג פון קעמערל". א. שמייל, געוויקסן,

איבז. האַכבערג, מאָסקווע, ז' 154.

1931 " האָדעווען זיך אומצייליקע [...] באַקטעריען

און איינצעליקע בעלי-חיים סיי אויפן בוים אַליין

סיי אויף זיינע פּילע "קוואַרטיראַנטן". ש. בלום,

דער בוים פון לעבן, נ"י, ז' 8.

42/1

– בא

(?ב?) ב א ק ט ע ר י ע מ י ע – די, בא. דאס אריינדרינגען פון באקטעריעס אין בלוטשטראם, וואס איז אפט א סיבה פון א שווערער קראנקהייט.

– בא

ב א ק ט ע ר י צ י ד – דער, =ן. פּפּ באקטעריסיד. עפּעס וואס הרגעט אוועק, צעשטערט באקטעריעס, שטעלט אפּ זייער אנטוויקלונג.

באַקטראָג - [דער?, =ן?]. (אַלט) באַקהייזשע, טייגמולטער.

1829 "געבענשט וועט זיין דיין קארב און דיין באַק טרוג".
חח"ת, דברים כח - ה, [אַרט?]. דף קכא.
[ת"י: משארתך - טייגמולטער].

□ באַק טרוג.

[1685 ?] "מן זאל חלה נעמן אין דען באַק טרוג ווייל דער טייג נאך בייא אננדר איז [...]". עפש, דרך הישר לעולם הבא, פפד"מ, תמה. דף סא.

1737 "ברוך טנאך ומשאר תך - און דיין באַק טרוג".
מש, דברים כח - ה.

□ באַקטרוג ---> באַקטראָג.

באַקטרישער קעמל (זאַל) אויך: באַקטריאַן.
— דער, =ען. צווייהאָרביקער קעמל.

באַקטשי - [די?] =ס. (רעג, דרום-אוקראַינע).
גאָרטן וווּ מע פלאַנצט אַרבוזן, דיניעס, קירבעסן.

1903 "אַכרים [...] האָט פון קדמונים געהאַלטן, אַ "באַשטאַן", אַ גאָרטן, אָדער אַ באַקטשע, ביי אונדז הינטער דער שטאָט. שע, מעשות פאַר יידישע קינדער II, גרינס אויף שבועות, ציט אויסג, אַלץ ווערק, נ"י 1944, ז' 128.

רעזי: מסתמא באַקטשע פון טערק. (Ук: баштан, R: бахча)

43

באַק-

באַקי - צוו. (קלש) צווייַק [נ. פּרילוצקי, כלי=זמר=לשון, זב רשומות, אדעס תרע"ח] ---> אויך באַקער.

באַקי=דעצעם - 1. צוו. (קלש) צוואַנציקער [1133].
|מקור-זען באַקי|.

2. [דער? =ס?] (קלש) מטבע פון צען קאָפּיקעס [1133].
|מקור - זע באַקי|.

באַקי־העמד - דאָס, בא. (ווולג, שלש) (?נ?)

43

פאַרקירצט פון 'באַקאַקט העמד', ווערט געזאָגט אויף א שלימזל, א פאַרשפּילער.

1918 " ווער עס פאַרשפּילט א קאָן, בייט איבער זיין זיצאָרט [...] צוליב"משנה מקום, משנה מזל" (און מען שפּעט אָפּ פון פאַרלירער [...] און מ'זאָגט, אַז זיין העמד איז פאַרדרעקט - ער האָט א באַקי־העמד)".
עלזעט, רשומות, אדעס, תרע"ח, ז' 348.

באַקיווערט - פּאַדי [illegible] (?נ?)

וואָס טראָגט אויפן קאָפּ א קיווער (אַמאָליק מיליטעריש היטל מיט א הויכן דעקל, אָפט באַפּוצט מיט פעדערן).

[illegible] 1949 " געשטאַנען [...] אַנגעדראָלענע, באַפּאַנצערטע און באַקיווערטע". א. טאַבאַטשניק, דיכטער און דיכטונג, נ"י...

1939 " א קריגער א באַקיווערטער". אַל, III,
נ"י, 1938, ז' 65.

באַקיטלט - פּאַדי פון באַקיטלען. וואָס טראָגט אויף זיך א קיטל. % אין עדה באַקיטלטע יידן האָט זיך צונויפגעקליבן צו כל-נדרי.

באקיטלען – טרוו. (פיג) באדעקן מיט א ווייסן צודעק, ווי מיט א קיטל. % א שניי־ווייסקייט האט באקיטלט די ערד.

באקייטלען – טרוו. (שניידעריי) „באנייען מיט א געווינסן שטאָך, וואס זעט אויס ווי א קייטל". [קטור].

באם: ניט זיכער אין באטייט! ביי סטוטש ניטא.

באקי=כאשמ׳יל – [דער? =ן?]. (עלש) מטבע פון איין קאָפּיקע. [מקור זען באקי].

באקילונג – די, בא. לופטקילונג, איינ־ארדענונג צו קענען רעגולירן די טעמפעראטור אין א הויז.

1968 "דער איצטיקער טערמינאל, אין וועלכן עס איז אין דער לעצטער צייט איינגעפירט געווארן צענ־טראלע באקילונג (עיר קאנדישאנינג)". ש. בייקער, טמז, 4.

באקימערן (זיך) ←--- באקומערן (זיך).

באקימעריש ←--- באקומעריש.

באקינדלט – אדי. וואס האט (א סך) קינדער. (אנאלאגיש צו באווייבט). % אין דעם געגנט ווינען ס׳רוב באקינדלטע יידן פון די מזרח־עדות.

.45 באַק –

" שלמה "באָור" איז שוין דווקא געווען א באַוויי- 1930

בטער און באַקינדלטער". ש. אש, ~~[illegible]~~ ווארשע / ז' 242.
(לויט אויסג' נ"י 1949,)

באַקינדערט – אדי (שנש) וואס האט א סך
קינדער, א מטופל מיט קינדער.

" נישט איך האב אים געהייסן זיין אזא שטאַרק- 1971
באַקינדערטער טאטע". נאַד, הומאָר, קריטיק, ליריק,
ב"א, ז' 38. (לויט אויסג' 1977)

באַקיער I – דער, =עס. [סטוטש 170,574]
1. ~~[illegible]~~ הולטאַי, אויסוואָרף.
Ung: Bakiar

2. ארומשלעפער, וואַגאבונד.

" און וויפל איז דער שיעור צו חקירהן זיך? [...] 1974
פאַרדרייסט נאָר זיך אליין//(ו)אונטערדער וועלט דער
גאנצער דעם קאָפּ; העי, דו באַקיער דו איינער".
יפֿה, ~~[illegible]~~ ~~[illegible]~~ ז' 92.
לויט אין פֿינרמעס II, תל"ג
לויט "וויגן משה לייב האַלפּערן",

באַקיער II – נאָר אין אַדוו פֿר נאַ באַקיער.
אויף א זייט, אין דער קרום. % דער
פֿראַנט טראָגט דאָס קאַפּעלוש נאַ באַקיער.
P: Na bakier, czapka na bakier.

מאַכן נאַ באַקיער – א) מאַכן לינקע געשעפטן.
ב) גנבענען, צוציען עפּעס.

באַקאַנט – דער, =ן. א שיכור, אַנטיילנעמער
אין א באַקאַנאַליע (שיכּרות-אָרגיע).

=ין/ =קע - די, =ס. 1. פריסטערין פון טעמפל
פארן גריכישן גאט באקכוס.

2. שיכורטע.

=יש. ווי א באקכאנט, שיכור, פריילעך.

" די באקכאנטישע פייערונגען ביי די רוימער". 1966

צאנין, ארטאפאגוס [...], ת"א, 1966, ז' 288.

באקכאנאל(יע) - די, =ס. פפ וואקכאנאליע.

1. אלט=גריכישער יום=טוב לכבוד דעם גאט באקך(ו)(דיאניז).

2. אָרגיע, ווי הוליאנקעס/דאס איז נישט געווען קיין
ליטישע שמחה, נאָר אן אמתע באקכאנאליע פון אויסגעלאסנקייט
און שיכרות.

באקכוס - פפ: באכוס/באקך, אין דער
גריכישער מיטאלאגיע דער גאט פון וויינגערטנערײַ,
וויין און פריילעכקייט, גערופן אויך דיאניזאס.

|| באקכיש - אדי. דזוו באקכאנטיש.

0 באקכוסטענץ - די, מ. פריילעכע טענץ לכבוד דעם
גאט באקכוס.

1936 " די בילדער [...] מיט יאגדהינט, וואס שלאגן
זיך מיט בערן, מיט נאקעטע ווייבער, סאטירן,
באקכוסטענץ". ייז, ברידער אשכנזי II, ז' 286.

באקלאגן - טרוו. 1. באווייזן/ אויסדריקן
גרויסן צער, טרויער צוליבן טויט פון עמעצן אדער
צוליב אן אנדער גרויסער אבידה. % די אָבלים
באקלאגן דעם ניפטר. מיר באקלאגן דעם חורבן פון
מזרח=אייראפעישן יידנטום.

... " אוי מוטער, מיין געליבטע מוטער, // גיב
מיר זייערע מלבושים, וועל איך זיי באקלאגן, //
איך וועל זיי אוועקגעבן ארעמע ייִנגלעך, // זיי
זאלן נאך אים קדיש זאגן" פל, ציט י. ל. כהן,
יידישע פאלקסלידער, נ"י, 1957, ז' 22.

1943 " אז די באקלאגסט דעם גלות פון דער וועלט,

באַרן גריכישן גאָט באַקכוס.

2. שיכורטע.

= יש. ווי אַ באַקכאַנט, שיכור, פריילעך.

" די באַקכאַנטישע פייערונגען ביי די רוימער". 1966

צאַניז, אַרטאַפּאַנוס [...], ת"א, 1966, ז' 288.

ב אַ ק כ אַ נ אַ ל( י ע ) - די, =ס. פּפּ וואַקכאַנאַליע.

1. אַלט=גריכישער יום=טוב לכבוד דעם גאָט באַקך(וס) (דיאָניז).

2. אָרגיע, ווילדע הוליאַנקעס. דאָס איז נישט געווען קיין

ליִטישע שמחה, נאָר אַן אמתע באַקכאַנאַליע פון אויסגעלאַסנקייט

און שיכרות.

ב אַ ק כ ו ס - פּפּ: באַכוס/באַקך, אין דער

גריכישער מיטאַלאָגיע דער גאָט פון ווייַנגערטנעריי,

ווייַן און פריילעכקייט, גערופן אויך דיאָניזאָס.

|| באַקכיש - אַדי. דזוו באַקכאַנטיש.

0 באַקכוסטענץ - די, =ן. פריילעכע טענץ לכבוד דעם

גאָט באַקכוס.

1936 " די בילדער [...] מיט יאַגדהינט, וואָס שלאָגן

זיך מיט בערן, מיט נאַקעטע ווייבער, סאַטירן,

באַקכוסטענץ". ייז, ברידער אשכנזי II, ז' 286.

ב אַ ק ל אָ ג ן - טרויער. 1. באַוויינען, אויסדריקן

גרויסן צער, טרויער צוליבן טויט פון עמעצן אָדער

צוליב אַן אַנדער גרויסער אבידה. % די אבלים

באַקלאָגן דעם ניפטר. מיר באַקלאָגן דעם חורבן פון

מזרח-איראָפּעישן יידנטום.

... " אוי מוטער, מיין געליבטע מוטער, // גיב

מיר זייַנע מלבושים, וועל איך זיי באַקלאָגן, //

איך וועל זיי אוועקגעבן אָרעמע יינגלעך, // זיי

זאָלן נאָך אים קדיש זאָגן" פל, ציט י. ל. כהן,

יידישע פאָלקסלידער, נ"י, 1957, ז' 22.

1943 " אַז דו באַקלאָגסט דעם גלות פון דער וועלט,

און איבער אַלע פעלקער וויינט דייַן קינד".

דא, אב הרחמים, נ"י, ז' 11.

1957 " מען איז עפּעס ווי אן איינצלנער מענטש, וועלכער [...] באַדויערט און באַקלאָגט זיין עבּרדיק לעבן". לדב, נ"י, ז' 334.

|| =ונג - די, באַ ‹ =עניש - דאָס, =ן.

=עריי, - די, =ען. ‹ =ער - (=ין, קע).

1948" דער קדיש פאר זיי... און, דער קדיש-באַקלאָגער // האָט אויך ניט געפונען דעם אמתן זאָגער". סעג, איצטער, נ"י, ז' 109.

0 באַקלאָג-זמרל [=זעמערל] - דאָס, =עך. (איר) ניגון ווי מע באַקלאָגט / באַוויינט עמעצן.

1936 " מאַשען קנייפּט זי נישט, זי בייגט זיך בלויז צו איר אַריבער מיט א באַקלאָג-זמרל". ש. האַראָנטשיק, באָסע מעשׂה, ציט אנט, ז' 169. מאיירקע מאַנקעמען,

ם ביקלאָגן/ביקלאַגין.

1732 " דו זאָלשט ניט דענקן אַז הקב"ה דען מענטשן זיין עבירות טוט שענקן. ווער דאָס יוא זאָגט, טוט ער זיין לעבן אַוועק שענקן און ווערט איין אייך קאַרצי ציית ביקלאגט". עיון יצחק, בערלין, דף 28.

1781 " מיר קענין בייא אל אונזר טאָגן דען אידלן העלדן ניט גינוגן ביקלאגן". איין שין מעשה פון קיניג אַרטיש הוף, פירודא, תקמ"א.

2. אנקלאָגן, באַשולדיקן; דערלאַנגען א טענה, א מאַנונג אויף עמעצן.

1715 " האט ער זיך זייער גיקריקט עם הפריץ מחמת משכּנות ער האט גיזאגט ווערסטו מיך ניט רעכט אב ריכטין וועל איך דיך אזו ביקלאגין צו פעטרקאבס".
שו"ת פני יהושע, אמשטרדם, ציט הש I, ז׳ 155.

1743 " ביום המחרת דען אנדרן טאג זיינן גקומן דיא זעלביגי דיא אן דיא יהודים בקלאגט האבן".
מ. מן, שארית ישראל, אמשטרדם, 3ף פ – II.

באקלאגן זיך – אוטוו. 1. אויסדריקן אומצופרידנקייט, אומבאפרידיקטקייט, אויסדריקן טענות, תרעומות, תּביעות. % באקלאגן זיך פאר עמעצן אויף עפּעס. באקלאגן זיך, אז [...] אלע באקלאגן זיך אויפן יקרות. דער ארעמאן באקלאגט זיך פאר גאט אויף זיין גורל. עס באקלאגט זיך פאר דער מאמען אויף דער שכנטעס קינד, אז עס שלאגט אים. באקלאגן זיך אויף אן עוולה, אומגערעכטיקייט. באקלאגן זיך פאר דעם קיניג, פאר דער רעגירונג. ~~באקלאגן זיך אויף דעם אנטי-סעמיטיזם. דער קונה באקלאגט זיך פאר דעם דירעקטאר אויף דער שלעכטער באהאנדלונג פון אנגעשטעלטן.~~

1855 " דער מלאך המות איז גיגאנגין צו רבן גמליאל און האט זיך פאר איהם באקלאגט". מעשה רבי יהושע בן לוי, טשערנאוויץ.

1878 " ווי אומגערעכט דער זינדיקער מענטש איז, וואס באקלאגט זיך בשעת עפּעס אן אומגליק [...]".
ממום, מסעות [...], ציט אויסג אלע ווערק, ווארשע 1912, ז׳ 51.

באַק — [illegible] ,[illegible]

1902 " און אזוי אלע ווייבער וויינען און באקלאגן
זיך אויף זייערע צרות, גיסן אויס זייער ביטער
הארץ דורך טרערן ". שע, קליינע מענטשעלעך [...],
[illegible] 63 [illegible], נ״י 1944, ב׳ VII א, ז׳ 109.

1967 " אלע האבן [...] באקלאגט, אז זיי זיינען
פארוואנדלט געווארן אין פשוטע בעטלער [...]".
ל. וויזענפעלד, יזב ריישע, ת"א, ז׳ 462.

2. מעלדן, דערקלערן וועגן א קראנקהייט, א ווייטיק.
% דער חולה באקלאגט זיך אויף קאפווייטיק. א סך
מענטשן באקלאגן זיך אויף רעוומאטיזם.

1925 "[...] א שטייגער קינדער באקלאגן זיך אויף
א ווייטיק ארום נאפל [...]". זש׳ פגעז, נ׳ 2,
ווילנע.

3. ניט האבן (אויף וואס) זיך צו באקלאגן - זיין
צופרידן, באפרידיקט, ניט האבן קיין טענות.
% וואס שייך געזונט, האב איך נישט אויף וואס זיך
צו באקלאגן, דאנקען גאט.

1896 " אויף פרנסה האב איך, געלויבט דעם אייבערשטן,
זיך ניט צו באקלאגן". י. ל. בינשטאק, בייא
ר׳ שלמה בערלינער, לוואוו, ז׳ 37.

1931 " שמייכלט גאלדפאדען און זאגט מיט א באזונדערער
גאווה: - אויף מיינע יידן האב איך מיך נישט וואס
צו באקלאגן. איך דארף זיי נאר אפקנאקן א
קנאקעכץ און זיי באצאלן [...]". ד. י. זילבערבוש,
מענטשן און געשעענישן, ווין, ז׳ 68.

[illegible]

.50 באק –

ם

<u>בקלאגן זיך</u>

.1 ←-----

1632 " פיל לייט <u>האבין זיך בקלאגט</u> דז מוכסני

מין נעמין אזוי איר אוניוורסאל [...] אויש

ווייסט". <u>תקנות שצ"ב</u>, <u>ציט פנקס הכשרים</u>

<u>של קהלת פוזנא</u>, ירושלים תשכ"ז.

1743 " דיא יהודים פון ליאון <u>האבן זיך בקלאגט</u>

פר דעך קיסר". <u>מ. מן</u>, <u>שארית ישראל</u>,

אמשטרדם, דף ל"ח, ע"ב.

לזכרנו מפס

באַן - 51

באַקלאַווע — די, ־ס. ←—— באַקלאַזשקע.

באָקלאַווע — די, ־ס. מין זיס געבעקס, געפּילט מיט ניס א.ע.; אין פֿאַרשיידענע געגנטן געבאַקן אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים (למשל: ווי מאַכט מען [illegible]).

1930 „מען פֿאַרקנעט מיט צוויי אייער [...] מעל מיט אַ ביסל זאַלץ. מען מאַכט דערפֿון דריי טייגלעך און מען וועלגערט זיי אויס אויף אַ ברעט. [...] דאָס ערשטע בלאַט באַשמירט מען מיט ~~געשטו~~ געשטויסענע מאַנדלען און מען דעקט עס צו מיט אַ צווייט בלאַט, דאָס צווייטע באַשיט מען מיט פּיסטאַשקעס און אויף דעם אַלעם ליגט מען אַרויף דאָס דריטע בלאַט. דאַן צעשנײַדט מען די בלעטער אויף שיפֿע שטיקלעך [...] און מע שטעלט באַקן". ב. שאַפּראַן, יודישע קוך, וואַרשע, ז׳ 115־116.

52 בײַק.

1963 „אַרױסגעבאַקט באַקלאַװע און לעקעך מיט מאַנדל־ברײטלעך".
אַפֿאַ, וואָך אויף דער סטעפּ, ת״ס.

1962 "דער געפֿילדער, [...] די גערוכן פֿון געפּרעגלטן 'קאַבאַב'
[...] פֿון די באַקלאַװע און אַנדערע זיסע פּאַטראַװעס און געבעקסן".
ש. בן־ישראל, צ' פּאַר, 1/1/2.

באַקלאַזשאַן — דער, ־עס. געװיקס פֿון דער קאַרטאָפֿל־משפּחה
...................... מיט פֿיאָלעטע אָדער העלפֿאַנדבײן־קאָ־
לירטע, לענגלעכע פֿרוכטן, ענלעכע צו אוגערקעס. שטאַמט פֿון טראָפּישער
אינדיע און װערט געפֿלאַנצט אין מיטללענדיקן געביט. אַנדער נאָמען —
אײער־געװיקס.

1926 „ליגט אַרום [דעם סאַלאַט] מיט דין אָנגעשניטענע זיסע אוגער־
קעס אָדער צעמיקע באַקלאַזשאַנעס". מישלאַװ, װעגעט' קאָך־בוך,
נ"י, ז' 31.

1960 „װעסט זיך נאָך צוגעװוינען צום מאכל און לעקן די פֿינגער
פֿון די באַקלאַזשאַנעס (טאָמאַטן)". ש. סימאָן, צװייגן, ב"א, ז' 43.

1974 „אין די עטלעכע גאָרטנװאַרג האָבן מיר ניט אַרײַנגענומען
[...] באַקלאַזשאַנעס". װ. יוזין, צ'פּאַר, 27/I.

באַקלאַזשקע — די, ־ס. פֿפֿ באַקלאַגע. (רוסיש) אַ פֿלאַכע
כלי פֿאַר װאַסער אָדער אַנדערע פֿליסיקײטן געניצט אין מיליטער, טוריזם
אאַ"וו צו טראָגן אױפֿן רימען אָדער איבער דעם אַקסל אויף אַ
R: Баклажка
בענדל, פֿעלדפֿלאַש, קאַנטין.

1931 „און בײַ זײערע [בײַ די דײַטשן] געפֿינסטו אַלץ: זײף, גאַלעטן,
[...] פֿולע באַקלאַגעס מיט װײַן". ש. ברעגמאַן, דורך קריג
און רעװאָלוציע, אָדעס, ז' 302.

1956 „אפֿשר אַ טרונק, מאַמעדאַװ, האַ? נו, נאַ — האָט זי אים די באַקלאַזשקע
געלײַך צום מויל געגעבן". פּמ, מלחמה II, נ"י, ז' 545.

באַקלאָן — דער, ־ען. אַ וואַסער־פֿויגל פֿון דעם אָפּטײל פּעליקאַנען. [סטוטש 247].

באַקלאַנגען — נאָר אין באַהאַנגען און באַקלאַנגען: באַדעקט מיט אַ סך צירונג וואָס גיט אַרויס אַ קלאַנג, אַ געהילך (אויך איראָניש).

1891 „איך וואָלט דיך צו דײַן זיס פּנים באַהאַנגען און באַקלאַנגען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט צירונג, מיט גאָלד און בריליאַנטן". ד. ב. האַרנשטײן, זלידניעפּקער לעבעדע פֿאָטאָגראַפֿיע, בערדיטשעוו, ז' 44.

1948 „שײַנע זאַנגען, שלאַנקע זאַנגען, // נאָך מיט קרײַנדעלעך באַהאַנגען, // נאָך מיט גלעקעלעך באַקלאַנגען". מ. לוצקי, אַ בוך צום לעבן, נ"י, ז' 239.

באַקלאַפּן — טרוו. צוקלאַפּנדיק באַדעקן מיט עפּעס. % באַקלאַפּן דעם קאַסטן מיט אײַזן.

1970 „מ'האָט יעדע שפּאַרונע פֿון דאַך, דורך וואַנען ס'פֿלעגט אַרײַנרעגענען, באַקלאַפּט מיט נײַע שינדלען". ה. אַקערמאַן, טמז, I/31.

|| זונג: דאָס קלאַפּן מיט די פֿינגער אויפֿן קערפּער בײַם אויסהערן אַ קראַנקן. [אמו].

[illegible]: דער מאַטעריאַל, מיט וועלכן מע באַקלאַפּט.

19[illegible] „די פֿערד זײַנען געווען געשפּאַנט אין דעם נײַעם געשפּאַן מיטן מעשענעם באַקלאַפּעכץ". אש, א שטעטל, ז' 60.

באַקלאָק — דער, ־ן. (לאַקל, מאָלדאַוויע), אַ געשעפֿט, עסק וואָס איז גורם קאָפּדרײעניש, שאַפֿט אומאָנגענעמלעכקייט [ק[illegible]].

ב אַ ק ל ו י ט – אדי/אדוו. מיט קלאָען (טלאָען).

% באַקלויטע בעלי-חיים.

1941 " [...] און דער האָז, ווייל מעלה-גירה איז ער,
אבער מיט קלויען איז ער ניט באַקלויט". תי,
ויקרא יא – 6.

ב אַ ק ל ו י ס ט ע ר ט – אדי. (טאָש) ~~וועגן א~~
~~שטאָט~~ פול מיט קלויסטערס, צערקוועס.

1950 " פון אלע שטאָטטיילן, באַקלויסטערטע/ צעהוידען
זיך גלאָקנצונגען". י. ה. ראַדאָשיצקי, ליד
אָנָן אומרו, ז' 80.

1951 "איך מאָסקווע, די הייליקע באַקלויסטערטע
מאָסקודע, איז דעמאָלט געוואָרן א קעסלגרוב פון
יידישע פליטים פון דער גאַנצער אַמאָליקער רוסלאַנד".
ל. שטיין [illegible] ליטע, נ"י, ז' 115.

~~ב אַ ק ל י ע ן – גענייצט גאָר אין פּאַסיוו: זיין~~
~~באַקליט (האָבן קלאָען, טלאָען) | [illegible] |.~~
~~% די קי, שעפּסן זיינען באַקליט.~~

ם |באַקליגן| ב ק ל י ג ן – אוטוו. מצליח זיין. (?נ?)

באַמ: ניט זיכער אין אויסטייטש.

1752 " זאָלסט מיר פר שטאַנד געבן צו פר שטין און
בקליגין געררן מקבל צו זיין דיין הייליגי תורה".
עח, מ"ג, [illegible].

|| בקליגונג ~~......~~ רכוש, פאַרמעגנס.

1725 " אונ דיא זאלשט אונז עפניך די טאר פון בקליגונג [...]". אריה ליב בר' יהודה זעליגמן מפיזונגן, תקוני המועדים, פיורדא, דף פז.

בקליגליך קייט - ~~באטייט?~~ רכוש.

1744 " ניארט וואש נאר דער פר שטאנד דא מיט צו פרידין איז דש דער פר שטאנד זיכט דא דורך דיזי ווערקונג אים גהאלפין ווערט און בקליגליך קייט". בע, כד - 2.

ם [באַקלײַבן] ב ק ל יי ב ן - אויסשמירן.

" יִשְׂדַּד - אוינ' זולט בקלייבן". רייכלין 8, דברים כ"ח ד. [תי: באַקאַלבן].

רעפ: אפשר באַלײַבן = באַקלײַבן?

ב אַ ק ל יי ד - דער, =ן. 1. באדעק, צודעק.

1960 " אונטערן באקלייד פון פורפור און רוביגען דארף ביטולהיש און הכנעה טאג און נאכט ברענען". יעקב פרידמאן, די לעגענדע נח גרין, נ"י, ז' 49.

2. (באשטימטייל פון צונויפהעפטן) וואס איז שייך צו באקליידונג, קליידער.

0 באקלייד - אינדוסטריע - די, בא.

1973 " צוזאמען מיט אנדערע [...] האבן זיי געפירט דעם פאראיין, וועלכער האט ארומגענומען די ארבעטער פון באקלייד- און בוי-אינדוסטריע". יצחק פשטיק, ת"א, ז' 388.

<u>באקלייד-ארבעטער</u> - דער, =ס/ מצ דז.

1968 " דער לאקאל פון דעם קלוב האט זיך געפונען אין פראפאראיין פון די <u>באקלייד-ארבעטער</u>". נ. ראזענבלאט, יזב אטוואצק - קארטשעוו, ת"א, ז' 146.

<u>באקלייד-בראנזשע</u> - די, =ס.

1951 " די <u>באקלייד-בראנזשע</u> האט געהאט ווארשטאטן אין 6192 - 1898 [אין ליטע]". י. לעשטשינסקי, ליטע I, נ"י, ז' 910.

<u>באקלייד-מלאכה</u> - די, =מלאכות.

1951 " די <u>באקלייד-מלאכה</u>, וואס האט סוף 19טן י"ה באשעפטיקט כמעט א העלפט פון אלע יידישע זעלבשטענדיקע בעלי-מלאכות, איז אויך שפעטער מיט 40 יאר געבליבן די הערשנדיקע אין דער יידישער מלאכה". י. לעשטשינסקי, ליטע I, נ"י, ז' 910.

<u>באקלייד-פאראיין</u> - דער, =ען.

1947 " [...] א גוטער רעדנער, שפעטער געווען דער סעקרעטאר פון <u>באקלייד-פאראיין</u>". טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 141.

~~באקלייד-קאמיסיע - די, =ס. [illegible]~~

~~[illegible]~~

ב<u>א</u>קליידונג - די. 1. <u>בא</u>. אקט פון באקליידן, דאס מאכן קליידער.

1867 " אויף אבמונדיראוווען (באקליידן) זאל מען נעמען ביי די אטדאטשיקעס געלט לויט די פרייזן וואס די <u>באקליידונג</u> קאסט דעם וואיענע מיניסטעריום". קמ נ' 47.

באַק –

1970 " די לאגע אויפן געביט פון באקליידונג ווערט באַצייכנט אין באריכט פון קאמיטעט ווי "א פארצווייפלטע".
ר. מאהלער, ספר סאנץ, ת"א, ז' 753.

2. מצ =עך. בגדים, אנטאן, מלבושים.

1899 " [...] און אין איין אויגנבליק זיינען געשטא-נען אלע פארהאנגען און צירליכע באקליידונגען [...] אין פייער". שפערלינג איבן דיא קאראימישע מיידכען, ווארשא, ז' 30.

1968 " מיין פאטער מיט זיינעם א חבר זיינען געגאנגען אפשטאטן א וויזיט ביי די יידן, וואס האבן אויס-געארבעט באקליידונג פאר די דייטשן". ר. אייזנשטארק, יזכ אסוואצק-קארטשעוו, ת"א, ז' 750.

3. באקלייד-אינדוסטריע.

1965 " די ליטווישע יידן האבן געשפילט א גאר וויכטיקע ראל אין דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע ווי: באקליידונג, מעבל, לעדער און טעקסטיל". ח. לייקאוויטש, לב ליטע II, ת"א, ז' 849.

4. (פיג) פאַרעם, לבוש.

" מיר זאלן אנטאן אונדזער יידיש ליד אין הייליקער באקליידונג [...]". הל, א בלאט אויף אן עפלבוים,

1951 " פון איין זייט – מאדערנע קולטור אין דייטשישער באקליידונג, פון דער אנדער זייט – יסודותדיקע יידישקייט פאר די קינדער". ש. אלישוב, לב ליטע II, נ"י, ז' 1315.

0 באקליידונג(ס)-ארבעטער - דער, =ס/מצ דז.

1970/71 " |מען האט| רעגיסטרירט די עקזיסטענץ פון דעם פראפעסיאנעלן פאראיין פון באקליידונגס-ארבעטער אין זלאטשעוו". ה. יאכימעק, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 157.

באקליידונג(ס)-געשעפט - דאס, =ן.

1970/71 " באלד האט מען די ייִדן גענומען אין א באקליידונגס-געשעפט און אנגעטאן פון קאפ ביז די פיס". א. פיוולאוויטש, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 102.

באקליידונג(ס)-לאגער - דער, =ן. א גרויסער סקלאד, מאגאזין פון בגדים, אנטאן.

1948 " עס האט זיך אונדז טאקע איינגעגעבן צו באקומען ארבעט אין דעם באקליידונגס-לאגער ביי דער לופט-וואפע". ל. רייזנער, לעשי גראדנער אפקלאנגען, נ' 3 - 4, ב"א, ז' 37.

ם ביקליידונג

.2

1661 " אונ' זיא [די יונגען] ביקליידטן זיך מיט ביקליידונג דער ווייברן אונ' זיא גינגן אלז אוב זיא וויברן וועךן". יוסיפון, 2, אמשטרדם, רט"ז/48

באַקליידן - טרוו. 1. באזארגן מיט קליידער, מלבושים. ס/ הט באַקליידן די גאַנצע משפחה. באַקליידן די קינדער פֿון ותלמוד תורה.

1885 " לייט טראגן זעק [...], ווערן צעזעצט און באקליידן זייערע ווייבער און פירן ביי זיי אויס וואס זיי ווילן". מ. מאראחאווסקיא, די הגדה פון היינטיגער צייט, ווארשע, ז' 8.

1951 " מען האט געדארפט עפעס טאן פאר די דאזיקע
אומגליקלעכע קראנקע, האלב משוגע-געווארענע
מענטשן, מען האט זיי געדארפט באקליידן, ניט
לאזן שטארבן פון הונגער". ל. שטיין
זב ליטע, נ"י, ז' 114.

(טעכט)
2. ארויפלייגן, ארויפטאן עפעס אויף א צווייטער זאך.
% באקליידן א ראד (באציען די ראד מיט א רייף).

3. (פיג) צוגעבן עפעס, דערגאנצן, באגלייטן מיט עפעס.

1885 "באקליידט ווערן מיט גערעכטיקייט - ילבשו
צדק". שיר היחוד ליום השבת, ז' 24.

... " די אידייען שוועבן ארום נאקעטע אין דער
לופט און ווערן מיט מעשים-טובים ניט באקליידט.
פרץ, אלע, ז' 347.

1940 " ער [קרשקש] טרעט ארויס קעגן רמב"מס 'אני
מאמין', אז גאט קען מען ניט באקליידן מיט
אייגנשאפטן פון פאזיטיווע אטריבוטן, נאר בלויז
מיט נעגאטיווע". א. ביק, קעמפער און היטער,
נ"י, ז' 82.

4. (ס'רוב מליצהדיק) פארנעמען אן אמט. % באקליידן
א פאסטן (א שטעלע).

1869 " און דער פארטע זיצן יידן און קריסטן און
באקליידן די גרעסטע עמטער גלייך מיט טערקן"
קמ, נ' 19.

1963 " עס איז אסור לדורות פאר א למדן פון דער
ליטע צו באקליידן די פראנקפורטער רבנות".
פ. מארקוס, טמז, 12/IV.

1970/71 " |ער| האט צו יענער צייט באַקליידט דעם פאסטן פון שטעטישן קאנטראלער". א. ליבלוביץ, ~~אין~~ יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 37.

באַקליידן זיך – רעפל. 1. זיך באַזאָרגן מיט קליידער, מלבושים.

1936 " [...] קען זיך דא אן ארבעטער מיט צוויי גוטע טעג געהאלט באַקליידן און באַשוכן און ארומגיין שפאצירן ווי דער ענגלישער קרוינפרינץ" [illegible] צ. ה. וואקסמאן, אין לאנד פון מהר"ל און מאסאריק, ווארשע.

1964 " וועסט זיך באַקליידן און וועסט אויסזען ווי א מיליאן דאלאר". מ. דלוזשנאווסקי, פאר 15/XI.

2. (פיג) קריגן עפעס, ווערן דערגאנצט מיט עפעס.

1964 " ווער עס באַקליידט זיך מיט שעמעוודיקייט ווי מיט א מאנטל. יענער פארשטעלט אלע זיינע חסרונות פאר מענטשן". א. אליאבי, איבן, פון שלמה אבן גבירול, טמז 15/XI.

|| ער – דער וואס באַקליידט [סטוטס 522].

17 שיין באַקליידט – "האט צרות פון אלע זייטן". [קטור].

באַקליידן דעם דלות – פארשטעלן, פארמאסקירן 13

1960 " מען האט געדודערט, געדעשט, מען איז אריינגעפארן מיט ווייב און קינדער אין שטאט אריין און מען האט 'באַקליידט דעם דלות'". מ. אקערמאן, אמעריק, 21/V.

.61 באק -

באקליידן מיט קללות - שעלטן, [illegible]

1958 " האט זי [דאס] ווייב אנשטאט זיך צו פארענטפערן נאך אים אפט מאל באקליידט מיט א מבול פון קללות". שארפזין ווינקל, [illegible] אמעריקאנער [illegible]1.

באקליידט און באנייט - [illegible] באזארגט מיט מלבושים.

שוו: דער אמת קען ארומגיין א נאקעטער, דעם שקר דארף מען פארשטעלן, באפוצן, כדי מע זאל אים אננעמען.

ם ביקליידן, בקליידן.

.3 ←----

1626 " זיין פיינד וויל איך בקליידן מיט שאנד |...|".
[illegible] תהילים, קל"ב - יד, [illegible].

1796 " אזו קומט דר מלאך צדקיאל אין ביקליידט זיין נשמה מיט זעלכי אורות פון דר תורה אונ מצוות".
[illegible], דרך הישר לעולם הבא, שקלאוו, פרק כ"ו.

.5 ←---

1743 " אונ' ער האט נאך גלאזן איין זון דר זיין פלאץ קען בקליידן, דא האט ער (גירשת) די פלאץ פון זיין פאטער". מ. מן, שארית ישראל, אמשט', [illegible].

.6 אנטאן [illegible].

1668 " אונ' זי האט גישפייזט איך [דאס] קינד אונ' האט ביקליידט איך אונ' זי האט אב גיוועשן זיין אונזויברקייט פון אים". יוסיפון, אמשטרדם, [illegible] כא'.

1762 " [...] זייא דיך אב שיטלן פון דעם שטויב [...] בקלייד דייני צירליכי קליידר". שלמה זלמן לונדן, [illegible] תקוני שבת בלשון אשכנז, זולצבאך, דף ח'[illegible].

7. באדעקן.

1661 " און דער דינער דיינש היכל דער איז געווען בקליידט מיט פירליא פארבן [...]". יוסיפון, אמשט', רפח.

1713 " איך דר זעלבגי צייט ווערשטו בקלייד ווערן מיט צירונג דר ציראט און דייני אלטי לייט ווערן איך דיר הרום זיצן". מחזור חלק שני, שלוש רגלים, אמשט', קלו.

בקליידן זיך.

2.

1739 " ווער זיך בקליידיט מיט בושה בייא זוכונג דער חכמה, דז ער זיך שעה מיט צו פראגין [...]". ספר מבחר הפנינים, הומבורג, ה.

3. זיך אנטאן (מלבושים).

1668 " און זיא [די יונגען] ביקליידטן זיך מיט ביקליידונג דער ווייברן און זיא גינגן אלז אוב זיא וויבר ווערן". יוסיפון, אמשט', כסז.

באקלייסטערט זיין – (איר) פון 'באגייסטערט'.

1972 " די מאמע איז דווקא נישט געווען אזוי באקלייסטערט פון דעם שותפות, נישט די האט געהאלטן פון רבין, נישט זי האט געהאלטן פון זיין פלאן". ח. ראזענפארב, דער בוים פון לעבן, ת"א, ז' 323.

[?ב']

[באקל=מיקל=פלעקל – אזוי. פארבינדונג פון העברעישן בכל מכול. (פסח) אלץ מיט אנאנד, מיט האק און פאק. % איך וועג איז ער אוועק מיט באקל=מיקל=פלעקל; דיי האבן דאס דערציילט גענוי, מיט באקל=מיקל פלעקל. (ווערט אויך געניצט: האקל=באקל...[הכל בכל...]).

באקלעבן – דזוו באקלעפן.

באקלעמען – טרוו. גורם זיין צער, זארג.

% דער אומגליק באקלעמט זיין געמיט.

1941 " און דלילה איז צוגעשטאנען צו אים ביז זיין זעל איז געווארן באקלעמט צו שטארבן".

תי, שופטים טז – 16.

באקלעמונג – די, 1. קלעמעניש, דריקונג, צער.

1908 " ווען מען באַרירט דאס גריבעלע פון מאגן ביי דעם טיפוס־קראנקן, פילט זיך א באקלעמונג, און דער מאגן איז געשפאנט". איבז, דער אוצר פון געזונד און לעבן, ווארשע.

1936 " פארגעסן אונדזער פיין און אונדזער באקלעמונג?".

נג, תהילים מד – 25.

באקלענגען – נאר אין אויסדרוק: באהענגען= באקלענגען (← באהענגען)

1886 " נישט אלע פורים טרעפט זיך אזא נס! נעמען א מיידל, ווי זי שטייט און גייט, באהענגען זי און באקלענגען, מאכן פאר א פארטיקע בעל־הביתטע!".

שע, יוסעלע סאלאוויי,

63 a באק—

באקלעפן - טרוו. פפ/ זן באקלעבן. מיט דער הילף פון קלעפיקע מאַטעריאלן באדעקן ארום און ארום א געוויסן שטח (מיט טאפעטן, אפישן אא.) % באקלעפן דעם קיאסק מיט פלאקאטן. באקלעפן די ווענט מיט טאפעטן. זי האט באקלעפט דאס קליינע פענצטערל מיט פאפיר.

~~זיינע באקלעפט מיט ... באקלעפט מיט ...~~

1829 " די זאלסט אים [דעם קאסטן] באקלעבן פון אינען ווייניק און פון אויסנווייניק מיט פעך". חחת.

1919 " די ווענט זיינען באקלעפט מיט ברוינע אבאיעס". דפ, ... III, ז' 11.

~~" וכפרת — און זאלסט באקלעבן". ... בראשית, ו' — יד.~~

1940 " גיט אונדז [די ווענט] א מויל!... באקלעפט און באהענגט אונדז מיט מענגעס אפישן". אקש עוורטב און מיינער ~~מזרח אייראפע~~ מאסקווע, ז' 90.

1965 " ווו א טיר, איז זי געווען באקלעפט מיט פאסקווילן קעגן ליליענבלומען". ח. לייקאוויטש, ~~אוף~~ ליטע ב' II, [ישראל], ז' 164.

ביקלייבן/בקלעבן. || ביקלייבן

1661 " אונ' ער בישלאס דאש טאר פון אויזיוועניג אונ' ביקלייבט זייני טירן מיט ביקלייבונג דער פר ברענונג". יוסיפון, אמשטרדם, שמג. 21.

1799 " נעם דר בר קפרא דען גרעשטן קארב [...] אונ בקלעבט אים מיט פעך. אברהם בר' יחיאל מיכל, ברך אברהם, שקלאוו.

|| ביקלייבונג.

באקלעקן - טרוו. פפ באקלעקסן. מאכן א קלעק/קליאַקס(ע). באפלעקן, פארשמוצן, פאר- ברודיקן (אויך פיג). % באקלעקן דעם העפט מיט טינט.

[1959?] " וואס יונג-באקלעקט זי מיט איר קלעק און סמייע".

משה בראדערזאן, געקליבענע שריפטן, ז' 121

שטח (מיט טאפעטן, אפישן אע). % באקלעפן דעם
קיאסק מיט פלאקאטן. באקלעפן די ווענט מיט טאפעטן.
זי האט באקלעפט דאס קליינע פענצטערל מיט פאפיר.

1829 " די/ זאלסט אים [דעם קאסטן] באקלעבן פון אינען
ווייניק און פון אויסנווייניק מיט פעך". חחת.

1919 " די ווענט זיינען באקלעפט מיט ברוינע אבאיעס".
!!!, ז' 11.

1940 " גיט אונדז [די ווענט] א מויל!... באקלעפט
און באהענגט אונדז מיט מענגעס אפישן". אקש,
מזרח אייראפע מאסקווע, ז' 90.

1965 " ווו א טיר, איז זי געווען באקלעפט מיט
פאסקווילן קעגן ליליענבלומען". ה. לייקאוויטש,
אויף ליטע ב' II, [ישראל], ז' 164.

ם ביקלייבן/בקלעבן. || ביקלייבן

1661 " און' ער בישלאס דאש טאר פון אויזיוונינג און'
ביקלייבט זייני טירן מיט ביקלייבונג דער פר ברענונג".
יוסיפון, אמסטערדם, שמג, 42.

1799 " נעם דר בר קפרא דען גרעשטן קארב [...] און
בקלעבט אים מיט פעך. אברהם בר' יחיאל מיכל,
ברך אברהם, שקלאוו.

|| ביקלייבונג.

באקלעקן — טרוו. פפ באקלעקסן. מאכן א
קלעק/קליאקס(ע). באפלעקן, פארשמוצן, פאר-
ברודיקן (אויך פיג). % באקלעקן דעם העפט מיט
טינט.

" וואס יונג-באקלעקט זי מיט איר קלעק און סמייע". [1959?]
משה בראדערזאן, געקליבענע שריפטן, ז' 121. [בא?]

באַקלעקסלען - טרוו. ---> באַקלעקן.

באַקלער - דער, =ן. באַטראַכטונג, יישוב-הדעת. % א טיפֿער באַקלער.

" ער לאָזט זיך דרייסט אָן א באַקלער דורך לענדער, ימען אומבאַקאַנט [...]". לע, ציט אַנטאָלאָגיע.
יפה, ז' 98.

~~1948 " און עפּעס ווערט אים קלערער, ווען ער גיט זיך א באַקלער. פּמ, מלחמה, מאָסקווע, ז' 59.~~

באַקלערט - פּאַרט/פּאַדיי פֿון באַקלערן.
2. באַדאַכט, באַטראַכט, מיושבֿדיק.
% דער מענטש איז א באַקלערטער: איידער ער טוט עפּעס, באַטראַכט ער זיך גוט.

||קייט - יישוב-הדעת, באַטראַכטונג.

1944 " אַזוי האָט ער, פֿאָליע, מיט שׂכל, באַקלערטקייט פּאַרטיילט יעדן איינעם זיין חלק באַשערטקייט".
סוצ, פֿון !, ת"א, ז' 453.

ם באַקלערט.

1744 " עס האָט ניט קיין גרונד צו דר חכמה פֿון דעם באַקלערטין וואָרום עס איז זייער פֿיל". בע.

באַקלערן - טרוו. 1. באַטראַכטן, אַריינטראַכטן גוט, באַדענקען, מעיין זיין. % באַקלערן אַן ענין.
זיי האָבן מיט קאָפּ באַקלערט די לאַגע.

1903 " א גרויסער ארכיטעקט, וואס באקלערט זייער א
גרויסן פלאן". שע, שויך איין מאל א סוכה, גוט אלע ווערק,
נ"י, 1944, ב' II, ז' 143.

1917 "וועגן דעם דארפן מיר זיך גוט מישב זיין און
באקלערן, ווי דאס יידישע פאלק זאל ווייטער לעבן".
זשיט V, נ"י, ז' 121.

1945 " עס איז די וועלט שוין פארטיק// און אלץ איז
שוין באקלערט". אר, "די עלטסטע".

1949 " איך בין דאך ניט געווען מיין פרייען ווילנס
קיין באשאף, באקלער נאר!". סוצ גוט הויז I, ה"א, ז' 254.
1963

2. (עלט) אפנארן, צוטראכטן עפעס שלעכטס פאר עמעצן.
% ~~"איך באקלער דעם יאלד ווי ר' איז גרויס" [קס 1467]~~

1882 " א גאנצן ווינטער האבן זיי געהאט פערעפיסקעס
[א קארעספאנדענץ] מיט א גרויסן מאן פון פעטערס-
בורג, ער זאל זיי לערנען, ווי דעם יידן צו באקלערן".
ייפאל, IV. 15.

1908 " דער פעטער האט געוואלט דעם פלימעניק גוט
באקלערן, נאר יאנקעלע האט אנגעמאכט א גוואלד
[...]". א. מאמאראווסקי, די הגדה פון דער
לינקער זייט, אדעסע.

באקלערן זיך - אומוו. איבערטראכטן א זאך נאך א
מאל, באדענקען זיך, מישב זיין זיך מיט זיך אליין.
% ער האט זיך באקלערט און אנגענומען א ~~דורכגעק~~
~~באשלוס~~. פעסט פלאן.

פל "איך האב זיך גאנץ גוט באקלערט,// גאט ווייסט,
ווי לאנג איך וועל לעבן".

1870 " אונדזער פריץ האט זיך אנגעהויבן צו באקלערן,
אז ער קען דא שלעכט אפשניידן". קמ, נ' 33.

.66 באק - 

|| =נג - די, =ען.

=ער - דער (די, =ין, =קע), =ס.

1936 " גאט האט פון הימל אראפגעלוגט [...] צו זען, צי ס'איז פאראן א באקלערער, א נאכפארשער פון גאט".

נג, אלבב תהילים, יד - 2.] [תי: ~~משכיל דרש את~~ ~~אלהים~~ - א פארשטאנדיקער וואס זוכט גאט]. ~~שמועסן~~ ~~רעדן דעם סדר העולם~~,

באקלערן די וועלט- פילאזאפירן, שמועסן וועגן דעם סדר העולם, ארייננלאזן זיך אין הויכער פאליטיק.

1895 " און האט ער נאר די וועלט באקלערט,// טא האט עס אומגעזאמט// זיין פרייד געטרויבט, זיין רו צעשטערט,// זיין יוגנט אים פארסמט". אל, ~~פארשטאנדיק~~ III, ~~פארשטאנדיק~~. 272, 1938

באקן - טרוו. פאר געבאקן (זן) געבאקט.

1. אין אלגעמיינעם באטייט - אויספארטיקן פון מעל ברויט, חלה, זעמל, קוכנס אע, אויספירנדיק אלע דערצו נייטיקע פראצעסן ( ראשטשינען, קנעטן דאס טייג, אויס-מאכן, בוימלען, איינזעצן און אויפהאלטן די נייטיקע צייט אין אויוון ). % אמאליקע יארן פלעגט מען אלע געבעקסן באקן ביי זיך אין שטוב. לכבוד פורים באקט מען המן=טאשן, מאנדלען, האניק=טייגלעך, די מאמע האט געבאקן אלע דאנערשטיק ברויט און חלה אויף שבת.

1858 " אונ אפ שיידן חלה פון דיא טייג וואש מיר באקן". (sic!) תחנות ובקשות, ווילנע, דף ד.

1912 " הערט א מעשה וואס א פארצייטיקער גביר קען - איינפירן ביי זיך א קיך אויף קאכן און באקן און געבן דארט אלע טאג עסן הונגעריקע ". ממוס, שלמה [...] II, ז' 78.

1939 " ער באקט הורה און זיין ווייב באקט ברויט". זש, באם דניעפער, ווילנע, ז' 40.

1968 " געבאקן מצות האט מען דאך, אבער [...] אין די געהיימע בעקערייען און אין מיטן דער נאכט". ע. רינגעלבלום, יזב אטוואצק, ז' 898.

2. אין ספעציפישן זינען - נאר דער לעצטער פראצעס, דאס ארייזעצן דאס טייג אין (הויסן) אויוון אריין און עס לאזן דארט ביז עס ווערט פארטיק. % די פלעצל זיינען שוין אויסגעמאכט, מע דארף זיי נאר באקן, דער אויוון איז שוין גוט אויסגעהייצט - מע קאן שוין באקן דאס ברויט.

1967 " |...| באקט עס 45 מינוט אין ניט קיין צו הייסן אויוון ". א. באווארסקי, פאר, 29/X.

3. פרעגלען לאַטקעס, בלינצעס אַע שפּײַזן חנוכּה באַקט מען לאַטקעס, בלינצעס דאַרף מען באַקן אויף אַ קלײנעם פֿײַער.

4. ( אַרב ) קאָכן אָדער בראָטן.

1836 " נײַאַי טעפּ וואָס זענען נאָך ניט אויש גיזאָטין גיוואָרין פֿאַר יום טוב טאָר מען דרינן ניט קאָכין אודר באַקין אום יום טוב ". לט 3, סדילקוב, דף 74.

5. צובראָטן קאַרטאָפּל אין דער שאָלעכץ ( אין די העמדלעך), צו דער מלווה=מלכּה האָט מען געמאַכט אַ באָרשטש און געבאַקן קאַרטאָפל אין די העמדלעך.

1951 " בולבעס פלעגט מען באַקן, ווען דער גרויסער 'רוסישער' אויוון פֿלעג זיך האַלטן ביים אויסהייצן". ה. אבראַמאָוויטש, זב ליטע I, נ"י, ז' 419.

6. ( פּיג ) שטאַרק אָנוואַרעמען, אָפּברענען, צוברוינען דורך דער זון ¥.

1912" די זומערדיקע זון דערווײַל באַקט, רופט אַרויס אויף די פאַרהיצטע פּנימער דעם גוטן שווייס ". ממוס, שלמה [...] II, ז' 40.

1906 " די זון באַקט, און זײַ אַרבעטן, און שווייס גיסט זיך פֿון זײַ טײַכנווײַז ". די מעשה פֿון פּיער ברידער, וואַרשע, ז' 11.

7. ( פּיג, איר ) אויסטראַכטן נישט=געשטיגענע, נישט= געפֿלויגענע זאַכן. זאָגן ליגנס, אויף צו באַרימען זיך, אויספּײַנען זיך. שטאַרק רוב.

1922 " כ'גלייב באַלד, וואָס דו באַקסט..." ל. מלאך, אַפּפּאַל, וואַרשע, ז' 115.

8. ( פיג, איר ) אין שרייבער=זשורנאליסטן=לשון - מחבר זיין אויף איין פוס, שרייבן אויף גיך און א סך, געמיינט ניט=ווערטפולע שאפונגען; דער דאזיקער "שראבער" באקט צען ראמאנען א יאר. יענער איז א ספעציאליסט צו באקן נייעס פאר זיין צייטונג.

1891 " [...] פונקט ווי פון א געווישן זשארגאנישן שרייבער, וועלכער באקט [...] אלע מאנטאג און דאנערשטאג נייע ביכלעך אן טאלק [...]". ישראל חסר=כח, זלידניעפסקער לעבענדע פהאטאגראפהיע, בערדיטשעוו, ז' 38.

9. ( אקטיאריש ) אויפפירן א סך פיעסן, איינע נאך דער אנדערער אין א קורצער צייט ~~(אין א פראווינצשטאט אדער צוליב שלעכטן סעזאן)~~.

1966 " 'באקן' אין א שלעכטן סעזאן אדער אין א פראווינצשטאט אויפפירן א סך פיעסן, איינע נאך דער אנדערער ". מ. שווייד, אקטיארן=שפראך, פאר VIII/31.

באקן זיך - אוטוו. 1. ווערן געבאקן; די הלות באקן זיך גוט, ווייל דער אויוון איז גוט אויסגעהייצט; לאטקעס באקן זיך בעסער אויף גענדזנשמאלץ.

2. ( פיג ) אפּ[illegible]ענען זיך, צוברוינען זיך אויף דער זון; (חברה) באקט זיך אויפן פליאזש; גענוג שוין געבאקן זיך - די הויט וועט נאך אפקריכן!

1933 " [...] ווען זי איז געלעגן א נאקעטע אליין און זיך געבאקן אויף דער זון ". ב. טייטלבוים, אויפן שוועל, ווארשע, ז' 208.

70. באק – 1.

באקונג – די/דאס. אקט אדער פראצעס פון באקן(זיך), מיטן נייעם באקאויוון האט מען געשיקט אנווייזונגען ווי אזוי אויסצופירן די באקונג.

~~באקנדיק – גאדי/גאדוו – וואס באקט, גיט היץ.~~

באקעדיק – אדי, 254. הייס, ווי ס'וואלט געבאקן (די זון, דער אויוון אע)

באקעוודיק – אדי/אדוו, וואס באקט זיך (גוט), וואס לאזט זיך באקן. די מעל איז זייער א באקעוודיקע, גייט גוט אויף. דאס טייג דארף מען גוט אויסקנעטן, וועט עס ארויסקומען גוט באקעוודיק.

באקעוודיקייט – די. בא. באקפעיקייט. די שפייז=לאבאראטאריע פארשט די באקעוודיקייט פון פארשיידענע סארטן מעל, בוימל אע.

באקעכץ – דאס, =ן. (ביטולדיק) אומגעראטענער אופן פון באקן. פון אזא באקעכץ וועט קיין לייטישער לעקעך ניט ארויסקומען.

באקעניש – דאס, בא. 1. דאס באקן א סך מאל, כסדר. ס'איז מיר שוין נמאס געווארן דאס באקעניש און קאכעניש יעדן טאג.

2. היץ, חמימה (פון דער זון).

"וואס זאגט איר עפעס צו דער חמימה? – א באקעניש, – האט שלמה געענטפערט". אפֿא, א ראמאן פון א פערד=גנב, ז' 17. 1912

1928

בּאַק – 71.5

0 בּאַקאַוויוּן ---- זבֿ.

בּאַקאייל – דער, =ן. אויל וואָס ניצט צום באַקן.
בוימל, וואָס ניצט צום באַקן. ס/ס

בּאַקבוימל – דער, =עך. מע האט אימפּאַרטירט נייע
סאָרטן באַקבוימלען.

בּאַקדייזשע – די, =ס. קיילעכיקער כלי, די הייך
ארום 30 – 40 צמ, געמאַכט פון הילצערנע קלעפּקעס,
געניצט אויף צו ראַשטשינען און קנעטן דאָס טייג
אויף ברויט אַע. ס/ס אין ווינקל שטייט א פולע באַקדייזשע
מיט טייג אויף ברויט.

בּאַקהיץ – די, באַ. [סטוטש 254] די טעמפּעראַטור,
וואָס פאָדערט זיך, כדי א געוויס געבעקס זאָל פאַרטיק
ווערן, זאָל ארויסקומען גוט.

באַק

באַקזאַכן – די, מצ. [סטוטש 258]. געבעקס, זאַכן
וואָס מע באַקט אויס.

בּאַק-לאָפּעטע – די, =ס. לאַנגע הילצערנע לאָפּעטע, מיט
וועלכער מע פלעגט דאָס ברויט, חלה אַע אריינזעצן אין
און ארויסנעמען פון אויוון.

בּאַקמולטער – די, =ס. פלאַכע און לאַנגע הילצערנע
כלי, ווו מע פלעגט ראַשטשינען טייג אויף חלה, קיכלעך
אַע. ס/ס די באַקמולטער איז שוין פול – דאָס טייג אויף חלה האָט
גוט געיורן.

בּאַקמייסטער – דער, =ס. 1. (עלט) בּאַלעבאָס פון
א בעקעריי. ס/ס דער באַקמייסטער האָט צוגענומען א נייעם
אַרבעטער אין זיין בעקעריי.

2. עלטסטער בעקער=אַרבעטער, אויפזעער איבער די בעקערס. ס/ס
דער באַקמייסטער האָט געוויזן די לערניינגלעך ווי
אַזוי מע דאַרף פאַרקנעטן דאָס טייג.

1896 " ...| איך מוז זיך באמיען צו אונדזער נשיא אלס באקמייסטער איינצוטרעטן ". מר"ט, תלמידי חכמים און עמי הארצים, ווילנע, ז' 5.

באקסאדע – די, בא. פרעפאראט פון סאדע, וואס העלפט דעם יוירן פון טייג.

1926 " גיסט אריין די אויפגעשלאגענע געלכלעך, באזאלצט צום טעם, שיט אריין די באקסאדע און לאזט אריין די ווייסלעך [...] ". מישולאוו, וועגעטאריער קאך=בוך, נ"י, ז' 67.

באקפולווער – דער, =ס דזוו באקסאדע, עווענטועל מיט א צומיש פון שטאָפן וואס געבן צו א באזונדערן טעם דעם געבעקס.

1920" די געוויינלעכע באקפולווערס, וועלכע ווערן באנוצט אנשטאט הייוון, זיינען געוויינלעך א מישונג פון טרינקסאדע, וויינשטיין און קראכמאל ".
ס. פיינסטאון, בעמיע, נ"י, ז' 122.

באקפראשעק – דער, באקפראָשקעס. דזוו באקפולווער.

באקפאן – די, =ען. 1. ~~צילינדערפארמ~~קע, ~~מיט~~ א ~~העבטל~~ ניט הויך און ברייטע בלי, צו בראטן ( באקן ) פיש אדער אנדערע מאכלים.

1926 " לייגט עס [די גרינסן און געווירץ] אריין אין א באקפאן, אויסגעשמירט מיט פעטס און באקט עס ארום א שטונדע |...| ". מישולאוו, וועגעט' קאך=בוך.

1969 " לייגט אריין די פיש אין א באקפאן איינס נעבן אנדערן און באגיסט מיט דעם עסיק [...] ". נ. בלום, פאר, IV/ 29.

73.92 באק -

באקפעטס - דאס, בא. בוימל/אייל אדער אנדער פעטס, געניצט צום באקן.

באקפעיקייט - די, בא. די אייגנשאפט פון מעל צו ווערן גוט אויסגעבאקן. [ ח. א. פינקעל, יידישער טעכנישער ווערטערבוך, כארקאוו, 1923 ].

באקשטוב - די, באקשטיבער. דזוו בעקעריי, [ ל 2 ] אויך געניצט אנצורופן דאס ארט, ווו מע פלעגט א מאל באקן מצות. די קנעטערינס און די מצה=רעדלערס זיינען שוין דא אין דער באקשטוב.

באקשיסל - די, =ען. דזוו באקפאן.

1926 " [...] נעמט א טיפע באקשיסל, שמירט אויס מיט פוטער אדער ניספעטס [...] ". מ. שולאוו, וועגעט קאך=בוך, נ"י, ז' 71.

~~1916 " [...] האט זי פאר איר מאך אלצדינג אויסגעלויבט איך מאג ארייך געבאקן ליגן~~

באקן ליגנס, באקן ליגנס ווי בייגל ( ווי מצות ). אויסטראכטן ליגנס, נישט-געשטויגענע, ניט=געפלויגענע זאכן א סך און אויף גיך, אימפראוויזירן בלאפערייען. דער יונגערמאן איז א גוטער בעקער - ער באקט ליגנס ווי בייגל.

1916 " [...] האט זי פאר איר מאן אלצדינג אויסגעלויבט איך טאג אריין, געבאקן ליגן פון שלום=בית וועגן אויף וואס די וועלט שטייט ". ד. י. זילבערבוש, שטרעכאלעך [...], ווין, ז' 13.

1958 " איך דער גאנצער צייט [...] האט דער לערער געטאן איין זאך: געבאקט ליגנס ". י. ווארשאווסקי, פאר, ד/ V, 30.

74. - באק

באקן בייגל; ליגן אין דר׳ערד און (שוין) באקן בייגל.

1. זיין צווישן די טויטע, זיין שוין געשטארבן.

..."המן האט געווארפן אויף מרדכין אן אייגל,// היינט ליגט ער אין דר׳ערד און באקט בייגל". פל.

2. זיין אויף גרויסע צרות, אין גרויסער נויט.

... "[...] ווען כ׳בין, נישט פאר אייך געדאכט, געלעגן אין דער ערד און געבאקן בייגל". שע, ב׳ XII, ז׳ 113.

1960 " די בייגל=בעקערייען [...] זענען שטענדיק אין קעלערס – און דערפון נעמט זיך אפשר דאס יידישע ווערטל: ׳ער ליגט אין דר׳ערד און באקט בייגל". ל. סענדערס, טמז, V/28.

ער איז פריש געבאקן – וועגן איינעם וואס איז נאך ניט געניט, איז נאך רוי אין א געוויסער ארבעט.

מע וועט אים באקן קיכעלעך – זאגט מען מיט ליצנות וועגן איינעם וואס ס׳שטייט/אים פאר א גרויסער שטראף. [עלזעט, יידישע מאכלים, II, ווארשע, ז׳ 96].

"באקן קישעלעך" [קטוו] — דזוו דפוו?

באקן בלינעס? – באק! ניט באקן? – באק ניט! – שפאסיק צו איינעם א) "וואס איז גלייכגילטיק צו אלץ, א "לאז מיך געמאך", ב) "וואס איז א וואקלדיקער, ניט געשטעלטער, אומאנטשלאסענער מענטש"

עס באקט אין סטאך – (שפאסיק), ווען א בגד, וואס איז ענג, קוועטשט" [קטוו, זאמעט].

מע באקט אפּ מצות און מע גייט אהיים -"וועגן זייער
א קורצן סעזאן פון ארבעט" [ קטוו ].

שוו: אז מע באקט ברויט (איך אויוון ), איז די
גאנצע שטוב זאט - א) אויב ס'איז נאר דא ברויט,
איז שוין דא זעט; ב) דאס באקן ברויט, דער ריח פון
געבאקענעם ברויט גיט שוין דאס געפיל פון זעט.

באק, ווי לאנג (כל זמן) דער אויוון באקט, באק, ווי
לאנג דער אויוון ברענט) - מע דארף טאן, אויספירן
עפּעס ווען ס'איז דא די געלעגנהייט, די מעגלעכקייט.

אין א פאזשאר (פייער ) באקן גנבים קארטאפל -
אויסנוצן אן אומגליק פון אן אנדערן, פון כלל, פאר
אייגענעם נוצן.

באקן און בראטן איז (מוז ) ניט אלע מאל געראטן.
ניט תמיד קומט ארויס, ווי מע וויל; ניט אלץ
וואס מע טוט, באקומט זיך גוט.

ם באקן

1.

" דא שיקט דער קוניג דוד נוך תמר אלזוא. 1544
גיא צו אמנון דיינם ברודר אונ' באק אים קויכליך יוא".
שב, סטראפע 1351.

1723 " אייך ברויט דש דר גוי האט גיבאקן אם שבת,
אייך טייל לייט אסרן עש, אונ אייך טייל לייט
זיינן עש מתיר ". לט 9, אממש, דף 77.

2.

1679 " אברהם איילט איך די היטן צו שרה, אונ' שפראך,
אייל אונ' מענג דרייא מוס זעמיל מעל, קנעט אונ'
באק קוכין ". בליץ, בראשית, יח - ו.

76. באק - 

1748 " די (יהודים) [...] האבן טייג איין גימאכט גהאט צו מארגינש פריא צו באקן [...]". עפש, סידור תפילות, אמשט, דף קמ"ה.

---------> 4.

1686 " [...] אונ׳ באק דוא דיא פיש איין דער פפאנן [...]". ס׳ משלים, פפד"מ, דף מ"ה.

באקן - אדי (באקענע/באקענער). א באקענער - וואס איז פון א באק, שייך צו א באק. ־פעלץ. באקענע שמאלץ.

1889 " ווי איך האב פון דער כנופיא צו הערן באקומען, האב איך מיין באקענע היטל געגומען [...]". ילג, שיחת-חולין, ווארשע, ז׳ 59.

2. וואס דערמאנט א באק, ענלעך צו א באק.

1969 " [...] א לאנגע בארד א באקענע, א לאנג געקנייטשט פנים [...]". י. קיפניס, צום לעבן, מאסקווע, ז׳ 282.

באקן - אנשביידער - דער, =ס [סטוטש 205]. (טעכט) מכשיר צו מעטאל-באארבעטונג.

באקנאקט - אדוו. (שש, איר.) שיכור, בגילופין.

